UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Impozanter Kaboles Ponim Far Aleks Robin In NY / Impressive Welcome for Alex Robbin In NY

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/58k2r7k5

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Bella Schaechter-Gottesman, Beyle Shekhter-Gotesman /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# אַ שיינער קבלת פּנים אין ניו־יאָרק לכבוד אַלעקס ראַבין

אין אַ זייער יום־טובדיקער שטימונג און אין אַ ביסל אַנדערשדיקן טאָן, האָט מען אָפּגעגעבן כבוד דעם ליבן מענטשן און ביז גאָר איבערגעגעבענעם קולטור־טוער, אַלעקס ראַבין פון לאָס אַנדזשעלעס. אין אַ זונטיק, ווען ס׳זענען אַחוץ צוויי פּאַראַדן, פֿאָרגעקומען אַ שלל אַנדערע יידישע אונטערנעמונגען, איז צו דער אונ־טערנעמונג אין אַטראַן־הויז אין ניו־יאָרק געקומען זייער אַ שיינער עולם. די אַלע שרייבערס, טוערס, פריינד — נאָענטע און ווייטערע — האָבן מיט זייער קומען אַליין טאַקע אויסגעדריקט זייער אנערקענונג און ליבשאַפט צו אַ מענטשן, וואָס האָט עס כשר פאַרדינט. אָנגעגרייט איז געווען כיד המלך און די פּראָגראַם איז געווען אויף דער געהעריקער מדרגה. שוין די באַ־גריסערס אַליין: חיים גראַדע, שואל גוט־מאַן, ד״ר עזריאל באַקס, ד״ר אליהו שול־מאַן און ד״ר מרכי שעכטער (פּאַרזיצער) האָבן געגעבן דעם רעכטן טאָן.

אַ רושם האָט אויך געמאַכט די באַגרי־סונג פון יוגנטרוף, צוגעשיקט פון דודל פישמאַן (האַרוואַרד יוניווערסיטעט) און פאַרגעלייענט פון פּערל טייטלבוים.
די אַלע באַגריסערס האָבן, איטלעכער אויף זיין שטייגער, אַרויסגעהויבן אַלעקס ראַבינס ראָלע ווי דער באַנייער און טרייב־כוח פונעם לעקסיקאָן פון דער נייער יידי־שער ליטעראַטור, און ווי דער רוקנביין פון דער גאַנצער קולטור־אַרבעט אין לאָס אַנדזשעלעס, ווי אויך ווי אַ ברייטהאַרצי־קער שטיצער פון יידישע זשורנאַלן און קולטור־אינסטיטוציעס.

די זינגערין שולמית טשאַרני האָט דורכגעפירט איר רעפּערטואַר פון יידישע, העברעאישע און דזשוזעמע לידער, אַקאָמפּאַנירנדיק זיך אַליין מיט 4 אינס־טרומענטן אויף אַ העכסט קינסטלערישן אופן. לייבל כהן האָט געגעבן אַן איבער־בליק איבער די עקזיסטירנדיקע יידישע פונדאַציעס און צום סוף האָט דער בעל־שמחה, אַלעקס ראַבין אַליין, געדאַנקט. דער עולם האָט געפילט, אַז ס׳איז געווען אַ שיינער יום־טוב און אַ ווערטיקער אויפטו.

**ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן**
דירעקטאָרין,
פונדאַציע פאַר יידישער שפּראַך־קולטור א״נ בנימין שעכטער.

---


## מודעה

**עס איז שוין אַרויס פון דרוק**
**און איז צו באַקומען דער ספר**

# שמונה פרקים לרמב״ם

**העברעיש פון ר׳ שמואל איבן תיבון**

**יידיש פון ר׳ זאב וואָלף סאַליס**

וועגן פּרטים זיך ווענדן צו דער סעקרעטאַרין פון „המשך״:

**סימע קאָזלאָווסקי קאַרפּ**

1753 No. Van Ness Ave.
Hollywood, Calif. 90028
Tel. 465-8841